


**פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת תולדות, ד' כסלו תשס"ז
גליון 3, מספר 2




# פרשת תולדות

## הקול קול יעקב

הקול קול יעקב והידים ידי עשו - דער קול איז דער קול פון יעקב און די הענט זיינען די הענט פון עשו.

עס ווערט דערקלערט אין מדרשים אז בשעת עס איז פאראן דער "הקול קול יעקב" - מען הערט די שטימע פון אידישע קינדער וועלכע לערנען תורה אין בתי כנסיות און בתי מדרשות - מאכט דאס צונישט די "ידים ידי עשו", די הענט פון עשו וואס ווילן שלעכטס טאן אידן און אויף זיי געוועלטיקן...

און דאס איז די אפלערנונג פאר אונז: אידישע קינדער דארפן וויסן , אז דורך זייער "הקול קול יעקב" - לערנען און דאוונען - האבן זיי דעם כח צו מבטל זיין דעם גלות און ברענגן די גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו!

בשעת אידישע קינדער ווייזן אפן פאר אלעמען - זיי גייען ארויס אנטקעגן דער גאנצער וועלט מיר זייער "הקול קול יעקב" אנהויבנדיק פון גאר קליינע קינדער ...ווערן איבערגעקערט אלע פעלקער פון דער וועלט,

זיי אנערקענען ווי "אתה בחרתנו מכל העמים" אידן זיינען אויסדערוויילט פון אלע פעלקער, ובמילא גיבן זיי אידן דעם גרעסטן כבוד און העלפן ארויס אז אידן זאלן קענען מוסיף זיין אין אלע זאכן פון אידישקייט אויף א גרינגן אופן, ביז אז זיי העלפן אידן ארויסצוגיין פון גלות און באגלייטן די אידן מיט דעם גרעסטן כבוד!

און דאס אלץ קען זיך אפטאן אין אן אופן פון "מיד הן נגאלין" די גאולה זאל קומען באלד, תיכף ומיד ממש.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת ג'מנחם אב, תשמ"א)*

## די כוח פון א איד

עס שטייט אין פרשה אז אברהם האט געמאכט א גרויסע סעודה "ביום הגמל את יצחק". שטייט אין מפרשים צוויי ביאורים אויפן ווארט משתה גדול, א - גדול עולמים, דער גרויסער פון וועלט - דער אויבערשטער, איז דארט געווען, ב– משתה גדולים - א סעודה פון גדולים, וואס עוג מלך הבשן און אלע גדולי הדור זיינען דארט געווען. אזוי ווי אלע פעלקער פון דער וועלט האבן געמאכט אברהם'ען פאר א מלך איבער זיך, איז בשעת אברהם האט געמאכט די סעודה האט ער איינגעלאדן די מלכים, צווישן זיי אויך עוג.

ווערט דערציילט אין מדרש אז עוג האט געזאגט, "וואס פארא ווערט האט ער? מיט איין פינגער קען איך צונישט מאכן אברהם'ס בן יחיד יצחק'ן!" האט אים דער

*(המשך אין עמוד 2)*

טייערע קינדער שלוחים,
איר זייט יעצט צוריק אהיים געקומען פון כינוס השלוחים, מיט פרישע כוחות טאן אין אייערע שליחות!
קינדער איך וויל אייך דערציילן א מעשה פון מיטעלער רבי - וואס זיין יום הולדת חג הגאולה, און יארצייט זיינען אלע די וואך-באוויזן אייך די גרויסע זכות וואס איר האט.

ווי מיר ווייסן איז די גאנצע לעבן פון מיטעלער רבי געווען חסידות. איינמאל איז דער מיטעלער רבי געווען זייער פארטיפט אין זיין לערנען, ווען פלוצלונג איז זיין קינד ארויסגעפאלן פון וועגעלע און האט אנגעהויבן וויינען. דער מיטעלער רבי איז געווען אזוי פארטיפט אין זיין לערנען אז ער האט דאס ניט אפילו געהערט!
דער אלטער רבי האט געלערנט אויף א העכערע שטאק און איז ארונטערגעקומען נעמען דאס קינד. ער האט בארואיגט דער קינד, און האט דערנאך געזאגט פארן מיטעלער רבי'ן, "ווי שטארק איז דיין לערנען, און ווי גרויס איז דיין אייגענע עבודה, מוז מען אלעמאל צוהערן צו די קול פון א אידישע קינד וואס וויינט!"
קינדער, ניכער איז גרינגער לעבן אין א פלאץ וואו איר קענט גרינגערהייט גיין צו א חסידישער סקול און האבן די צייט צו לערנען וכו', אבער דער אלטער רבי האט אונז שוין אויסגעלערנט אז ווען א איד וויינט - און אמאל איז עס א איד וואס איז אזוי ווייט פון אידישקייט אז ער ווייסט ניט אז עס איז פאראן אויף וואס צו וויינען- מוז מען אים צוהערן און העלפן, און דאס וועט ניכער צואיילן די קיום ההבטחה פון רבי'ן פון משיח נאו! -א. ווערטער




*דער מיטעלער רבי האט געהאט צוויי זין און זיבן טעכטער.

זיינע זין זיינען געווען הרה"ח ר' מנחם נחום, און הרה"ח ר' ברוך.

זיינע טעכטער זיינען געווען

א. שרה - וואס זי איז אוועק יונגערהייט.

ב. ביילא,

ג. חי' מושקא - וואס זי האט שפעטער חתונה געהאט מיטן רבי'ן דער צמח צדק,

ד. דבורה לאה,

ה. ברכה,

ו. מנוחה רחל, און

ז. שרה - א יונגערע שוועסטער וואס מען האט געגעבן א נאמען נאך איר עלטערע שוועסטער.

די צווייטער שרה האט געהאט א טאכטער רבקה, וואס זי האט שפעטער חתונה געהאט מיט רבי'ן מהר"ש!

*דער מיטעלער רבי האט אויפגעשטעלט א ליובאוויטשער שכונה אין חברון, און ער האט געבעטן חסידים וואס לעבן אין אנדערע פלעצער אריבערגיין וואוינען אין חברון. זיין טאכטער רביצין מנוחה רחל איז אויך געגאנגן דארטן וואוינען.

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

אויבערשטער געזאגט "חייך (איך זאג דיר צו) אז דו וועסט זען טויזענטער און צענדליקער טויזענטער פון זיינע קינדער, און דיין סוף וועט זיין אז דו וועסט אריינפאלן אין זייערע הענט!"

## די אנווייזונג פון דעם צו יעדער אידן איז

בשעת א איד באטראכט זיך וואו ער געפינט זיך ער געפינט זיך אין אן עולם וואס זיינע מעשים זיינען שווער און שלעכט, קען ער דאך א טראכט טאן: פון וואנען וועט ער נעמען כוח אויף תורה מצות ומעשים טובים?

זאגט מען אים א הוראה: "מעשה אבות סימן לבנים", אברהם הוליד את יצחק, ער שטאמט פון אברהם אבינו, דער פאטער פון אלע אידן, וואס ער איז ניט נתפעל געווארן פון דער גאנצער וועלט און געשריען "ק-ל עולם", אז די וועלט איז אלקות.

אזוי אויך יעדער איד אין יעדער צייט און יעדער ארט, האט גאר ניט וואס צו שרעקן זיך,נאר ער פארבינדט זיך מיטן אויבערשטן. און דורך דעם ווערט נמשך אויך אין תולדות יצחק כפשוטו אז יצחק'ס אייניקלעך זיינען מנצח די אלע וועלכע קעמפן קעגן דעם אויבערשטן און זיין תורה, אזוי ווי די מלחמה פון עוג, און דאס איז די הקדמה און הכנה צום איינעמען ארץ ישראל - ארץ הקדושה דורך משיח צדקנו במהרה בימנו אמן!

*(לקוטי שיחות - חלק א')*




הרב יוסף יצחק לוין, שליח אין פאלא אלטא קאליפארניא האט דערציילט.

איינע פון די בעלי הבתים אין קאליפורניא האט מיר אמאל געבעטן בעטן א ברכה פון רבי'ן פאר זיין מאמע, וואס זי האט געדארפט אריבערגיין א שווערע אפעראציע אויפן הארץ. איך האב גערופען די מזכיר פון רבי'ן און איבערגעגעבן דער נאמען. דער אפעראציע איז געווען גוט, אבער גלייך נאך דעם האבן זיך אנגעהויבן פראבלעמען. די פרוי האט אויפגעהערט עטעמען. אלע זיינען געווארן זייער דערשראקן, אבער נאך א פאר מינוט, האט זי נאכאמאל אנגעהויבן עטעמען, און אלע זיינען געווארן בארואיגט.

ארום א וואך שפעטער, האב איך באזוכט די פרוי און איך האב איר געברענגט א בוך וואס האט געהאט א בילד פון רבי'ן. ווען זי האט געעפנט דער בוך און געזען דעם רבי'נס בילד האט זי אנגעהויבן שרייען, "דאס איז דער מענטש!"

ווען די פרוי האט זיך בארואיגט, האט זי ערקלערט פארוואס זי איז געווארן אזוי צופרידן. "נאך די אפעראציע, האב איך פלוצלונג אויפגעהערט עטעמען און איך האב געפילט אז איך שטארב ר"ל. פלוצלונג האב איך געזען א מענטש וואס ער האט מיר געזאגט, "עטעם עטעם, דו וועסט ווערן שטארקער און דו וועסט לעבן!"

איך האב אנגעהויבן עטעמען און איך בין צוריקגעקומען צום לעבן. דער מענטש אין בילד איז געווען דער וואס האט געראטעוועט מיין לעבן!"

דאס איז געווען דער ערשטער מאל וואס זי האט געזען דעם רבי'ן , אבער ווי פארשטאנדיק איז דאס זיכער ניט געווען דעם לעצטן מאל!

# דער חסידיש'ער לוח

## ט' כסלו



## יום הולדת און יארצייט פון מיטעלער רבי

ניט לאנג פאר ער איז נסתלק געווארן, האט דער מעזריטשער מגיד גערופען צום אלטן רבי'ן און האט אים געזאגט די מנהגים פון א שלום זכר. ער האט אים אויך געזאגט, "דו וועסט האבן א זון , און דו וועסט אים געבן מיין נאמען. דער נאכט פארן ברית מילה וועסטו געדענקן אלס וואס איך האב דיר געזאגט, און דו וועסט רעדן וועגן דעם."

ט' כסלו איז דער יום הולדת און יארצייט פון ר' דובער פון ליובאוויטש – דער מיטעלער רבי. די זון פון אלטן רבי'ן. ר' דובער איז געבארן געווארן אין ליאזנע, אין תקל"ד. ער האט באקומען זיין נאמען נאכן מעזריטשער מגיד וואס ער איז נסתלק געווארן דער פריערדיקן יאר יט כסלו.

ר' דובער איז געווארן רבי נאך זיין טאטע איז אוועק. דעם נעקסטן יאר איז ער אריבערגעאנגען צום שטאט *ליובאוויטש* וואס איז געווארן דער הויפט שטאט פון חסידות חב"ד די נעקסטע 102 יאר. דער מיטעלער רבי איז נסתלק געווארן אויף זיין 54 יום הולדת, אין תקפ"ח. דער רבי האט אויף אים געזאגט אז עס שטייט וועגן יעדער צדיק "את מספר ימיך אמלא" - איך וועל אנפילן די טעג פון דיין לעבן, אבער ביי גאר גרויסע צדיקים זעט מען דאס לפועל, ווי דאס איז ביים מיטעלן רבי'ן אז ער איז געבארן געווארן און נסתלק געווארן דעם זעלביגן טאג.

## י' כסלו

## חג הגאולה פון מיטעלר רבי.

אין תקפ"ז, האט מען איינגעזעצט דער מיטעלער רבי. מען האט אים איינגעזעצט צוליב זיין חסידות וואס "איז געווען אנטקעגן די רעגירונג".

מען האט געזאגט וועגן מיטעלען רבי'ן אז ער האט געלערנט אזוי פיל חסידות אז אויב מען וואלט געשניטן זיין פינגער וואלט ארויסגעקומען ניט בלוט נאר חסידות!

ווען דער מיטעלער רבי איז געווען אין תפיסה, האט די דאקטער מסכים געווען אז חסידות איז זיין לעבן. דער דאקטער האט געזאגט פאר די סאלדאטן אז פונקט אז ווי מען גיט עסן צו מענטשן וואס זיצן אין תפיסה, דארף מען אים לאזן זאגן חסידות צו זיינע חסידים, ווייל דאס איז נוגע צו זיין לעבן! די סאלדאטן האבן מסכים געווען צו דעם, און ווען ער איז געווען אין תפיסה, האט דער מיטעלער רבי צוויי מאל א וואך געהאט 50 חסידים וואס זיינען געקומען הערן חסידות!

י' כסלו איז געווען די חג הגאולה פון מיטעלער רבי. דאס איז געווען איין יאר פאר דער מיטעלער רבי איז נסתלק געווארן. דעם נעקסטן יאר איז ער געווארן זייער ניט געזונט און די חסידים האבן ניט געוואלט מאכן הכנות צום פארברענגנס פון י' כסלו. אבער מען האט ארויסגעלאזט א בקשה פון רבי'ן. "דער רבי האט געהייסן פרייליך זיין, פריילאך זאל מען זיין!"

דער רבי איז טאקע נסתלק איין טאג פאר די ערשטע פארברענגען פון חג הגאולה, אבער י' כסלו איז געבליבן א טאג פון פארברענגעניש, לערנען חסידות און גוטע החלטות.

# א' גוט'ן חודש!




א ביזנעסמאן וואס וויל פארדינען געלט, מוז ארייןלייגן געלט, און נאכדעם וואס ער לייגט אריין אלס וואס ער האט, ארבעט ער צו פארדינען דאס צוריק, און האפנטלעך צו פארדינען נאך מער.

מיר זיינען אזוי ווי די ביזנעסמאן, דער אויבערשטער האט אונז ארויסגעשיקט אין גלות, און מיר לייגן אריין אלע אונזערע כוחות אין די ביזנעס פון טאן תורה און מצוות און ברענגן משיח. נאר איין חילוק איז פאראן - מיר זיינען <u>זיכער</u> אז מיר וועלן פארדינען פיל מער ווי מיר האבן אריינגלייגט מיט די התגלות פון משיח – זאל עס שוין זיין נאו!

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו